# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
A Gast Fun a Vaytn Yeshuv / A Guest From a Distant Community

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/4bd3674r

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

### Author
Isaac Cahan, Yitskhok Kahan /

### Publication Date
1978

### Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

**יצחק קאַהאַן / מעלבאָרן, אויסטראַליע**

# אַ גאַסט פון אַ ווייטן ישוב־אויף באַזוך ביי א. גאָלאָמב

(פון מיינע רייזע־איינדרוקן)

גלייך ווי איך בין אָפּגעשטיגן אין לאָס אַנדזשעלעס, איז מיין ערשטער געדאַנק געווען צו באַזוכן די גאָלאָמבס. זינט מיין יוגנט בין איך אַ געטרייער לייענער פון אַלץ וואָס איז אַרויס פון גאָלאָמבס פעדער אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס. איך געדענק נאָך עד היום אויך זיינע פּאָלעמישע מאַמרים אין פוילן, אָבער בעיקר, איז דאָך גאָלאָמב פאַר אונדזער ס׳גאַל מענטש געווען גוט באַקאַנט פון זיין פּעדאַגאָגישער אַרבעט אין דעם יידיש־וועלטלעכן שולוועזן.

אין אויסטראַליע האָב איך זיך מער באַקאַנט מיט גאָלאָמבן דעם מחבר, געלייענט זיינע ביכער, וואָס געווינלעדקומען אין דעם טייל וועלט ווו איך וווין, ביכער און זשורנאַלן אָן מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון אַ האַלב יאָר און אַמאָל נאָך מיט אַ שמיצל אַריבער (עס זענען פאַראַן דאָ פאַלן מיט דער געווינלעכער פּאָסט פון איבער אַ יאָר).

האָב איך באַקומען גאָלאָמבס ביכער פון וועלכע כ׳האָב אַרויסגעלייענט זיינע היסטאָרישע עקסקורסיעס איבער די ספערעס פון פאָלקישקייט, יידישקייט און געטלעכקייט, און זיינע אינטערפּרעטאַציעס פון די אַלע גייסטיקע עטאַפּן פון דער יידישער געשיכטע.

איבערהויפּט האָט מיך פאַראינטריגירט זיין אַנטוויקלטע קאָנצעפּציע פון מאָניזם, ווי אַזוי ער פאַרקניפּט די געזעצן פון קאָסמאָס מיט די מענטשלעכע און זיי ביידע אַריינוועבן אין דער קאַנווע: „די הויכן פון יידישן גייסט.“

איך גלייב, אַז דורך זיינע פיר צענדליק אַרויסגעגעבענע ביכער האָט אַברהם גאָלאָמב גוט אַריינגעקנעלט מיט זיינע לייענערס די מסכתא זיינע, וואָס איז כולל די אויסשטראַלונגען פון יידישן גייסט אין גאַנג פון תקופות און דורות; דעם טיפן מהות פון יידישקייט (וואָס איז מער ווי דער מהות פון רעליגיע, ווי דער טערמין ווערט פאַרשטאַנען) — פון תורה שבבעל פה ביז תורה שבכתב, די עוואָלוציע פון מצווה ביז הלכה, און זיין אויסטייטש פון דער פאָלקישקייט, ווי דער הויפּט־עלעמענט אין דער אַנטוויקלונג פון יידישקייט ביז היינט.

די פּראָבלעמאַטיק וואָס גאָלאָמב האָט אַרויסגעהויבן אין זיינע ביכער זענען דאָך נישט קיין אַבסטראַקטע פילאָסאָפישע אָפּהאַנדלונגען פון אַ ספּעקולאַטיוון כאַראַקטער ביי דענקערס און קאַבינעט מענטשן. דאָס זענען לעבעדיקע צאַפּלדיקע ענינים פון אונדזער יידישן לעבן: די מחלוקתן צווישן די סאַטמאַרער און די ליובאַוויטשער און די אַלע אַנדערע שיטות פון דער פרומער יידישער וועלט; און דאַן די קאָנסערוואַטיווע יידישקייט און די רעפאָרמירטע קאָנגרעגיישאָנס מיט אַלע זייערע שאַטירונגען אין די תפוצות.

ווער רעדט נאָך וועגן דעם וואָס עס קומט היינט פאָר אין ישראל, די גרויסע פאַמיליע־טראַגעדיעס מיט אַלע זייערע באַגלייט־דערשיינונגען — אָט דאָס אַלץ זאָגט עדות, ווי אַנגעווייטיקט זענען אָט די פראַגן אין אונדזער היינטיקן יידישן לעבן.

זיכער האָט גאָלאָמב ביים שרייבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, וואָס פאַר אַ הייסע קויל ער רירט דאָ אָן מיט זיינע פינגער... געהערט ער אָבער נישט צו די וואָס שרעקן זיך אָפּ פאַר אַ פּאָלעמישן אָנגריף, ווי עס פירט זיך פון תמיד אָן ביי יידן, ווען עס האַנדלט זיך אין אַן ענין לשם שמים.

גאָלאָמב איז אַן איש מלחמה און ער קעמפט פאַר זיינע איבערצייגונגען, פאַר זיין שיטה, אין זיינע צענדליקער ביכער, שיקנדיק פיילן אויף רעכטס און אויף לינקס — צו די פרומע און צו די פרייע, צו די רעליגיעזע און צו די וועלטלעכע יידן און די שאַרפסטע פיילן — צו דער רעפאָרם־יידישקייט.

שטייט ער טאַקע אַזוי פיל יאָרן אין זיין קריג קעגן פאַרטייען און באַוועגונגען פון אַלע ריכטונגען, פראָקלאַמירנדיק זיין

אייגענע שיטה, וואָס ער רופט: „אינטעג־ראַלע יידישקייט״. און דאָס איז על רגל אחת זיין לעבנסווערק.

איז פאָר מיר געווען טאַקע אינטערע־סאַנט צו טרעפן זיך מיט אים פּנים אל פּנים אין זיין שטוב.

אַ פריינד מיינער, וועלכן איך האָב אָקאָרשט באַקענט דורך מיינעם אַ בן־עיר, האָט מיך אַריינגעפירט צו די גאָלאָמבס (ווו ער איז אַן אָפטער אַריינגייער און אַ גוטער איבערגעגעבענער שכן).

ווען מיר זענען אַריין צו אים איז ער אונדז אַנטקעגנגעקומען מיט אַ שמייכל, געוואָלט זען דעם גאַסט פון אַזאַ וויטן ישוב. דער גאַסט ווידער איז געווען ביי־געריק צו זען גאָלאָמבן פון דער נאָענט; דעם מענטש, דעם שרייבער, דעם לערער פון לערערס און פון תלמידים, וואָס רעדן עד היום וועגן אים — לײדער, לײדער, די אַזוי וויניק געבנגעבליבענע פון חורבן — מיט אַזאַ טיפער פאַרערונג און יראת הכבוד.

מיינע אַ נאָענטע פריינדין אין מעלבורן איז איינע פון זיינע תלמידות פון לערער־סעמינאַר נאָך פון ווילנע (און גאָלאָמב איז דאָך יאָרן געווען די נשמה פון דעם סעמינאַר) דערציילט זי מיר ביי פאַר־שיידענע געלעגנהייטן וועגן דעם לערער גאָלאָמב. און ווען זי רעדט וועגן די טרוי־מעריש פאַרחלומטע בחורים און מייד־לעך, וואָס זענען געקומען פון די שטעט און שטעטלעך אין פוילן זיך לערנען אין אָט דעם לערער־סעמינאַר, און זי דער־מאָנט ווי גאָלאָמב און די אַנדערע לע־רערס האָבן איינגעפלאַנצט אין זיי אַזוי פיל ליבשאַפט און טריישאַפט צום לער־נען, געקנעלט מיט זיי און אינספּירירט ליב צו האָבן דאָס פאָלק, דאָס פאָלקס־קינד, ליב האָבן די וועלט, וואָס האָט זיי און אונדז אַזוי פיל אָפּגענאַרט און אַנ־טוישט...

פון הערן בלויז פלעג איך האָבן אַ בילד וועגן גאָלאָמבן דעם מענטש, דעם פריינד און דערציער.

אַוודאי לעבן מיר אַלע דורך טיף און שטאַרק די טראַגישע אַנטוישונגען, וואָס האָבן אונדז אַזוי שרעקלעך געטראָפן און געלאָזן טיפע וווּנדן, נישט פאַרהיילטע אין דער נשמה...

ווייסט גאָלאָמב אַליין, אין דעם סך־הכל וואָס ער מאַכט פון זיין לעבן, וועגן די פיל צענדליקער יאָרן פון זיין אַרבעט פאַר אַ גרויסער פאָלקס־אידעע, געדינט איר געטריי בלב ובנפש — אָבער דער טראַ־גישער גורל האָט געמאַכט די דעציזיע... שרייבט ער דאָך אַליין, אַז ער איז אַ סך מאָל געלאָפן איבער דער וועלט „מיט חרובע אידעען אין האַרצן.״

דאָס איז דאָך דער סוף־פּסוק פון דעם קוהלתדיקן: „זאת חלקי מכל עמלי״. עס איז פון אַ גאַנצן דור אָט דער סך־הכל, וואָס האָט אַזוי פיל געגלויבט, געהאָפט, געבויט און ס'איז געשען דאָס וואָס איז געשען...

זיצן מיר אַזוי אין דעם אויפנאָם־צימער אין אַ לייכטן אַנגענעמען שמועס. דער גאַסט באַמיט זיך צו געבן אַ געוויסן אַריינבליק אין דעם וויטן קליינעם יידישן ישוב, וואָס איז נאָך פאַרהעלטנישמעסיק יונג, ס'איז נאָך דאָ דער ערשטער דור אימיגראַנטן — פון פאַרן קריג און פון נאָכן חורבן — וועלכע קענען נאָך באַ־ווירקן אין דער געשטאַלטיקונג פונעם ישוב.

רעדט מען זיך אַדורך וועגן דעם אַלעם און נאָך דעם האָב איך די געלעגנהייט צו באַקענען זיך פּנים אל פּנים מיט זיין פרוי רבקה סאַוויטש גאָלאָמב — אויך פאַר מיר נישט קיין פּנים חדשות, סיי פון לייענען צייטשריפטן און אויך פון דעם, וואָס איך האָב געהערט דערציילן.

מיר דוכט זיך, אַז איך קען זיך שוין מיט די גאָלאָמבס נישט פון מיין אַריינ־קום איצט צו זיי אין הויז, נאָר מיר קענען זיך שוין כמה וכמה יאָרן, און ווען עס קומט נאָך אַריין באַלד ליובאַ גילינסקאַ ווערן מיר גלייך אַלע אַזוי היימיש און באמת נאָענט, און עס איז אַזוי אנגענעם אונדזער פרייער אינטימער און גאָר פריינדלעכער שמועס, אַז עס גלוסט זיך גאָר נישט אַוועקצו גיין. אָבער נאָך עט־לעכע שעה פאַרברענגען מיט זיי דערמאָן איך זיך אַז מאָרגן פלי איך אַוועק און כ'האָב נאָך אַ סך צו דערליידיקן.